בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**ק"ח**

**יו"ל: ט' חשון ה'תשפ"ג לפ"ק**


מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב,
נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יכולין להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור


**דעם רבי'נס זאך לעבט!**

**די לעצטע תורה פון רבי'ן**

**פאטשקע נישט מיט די מיסט**

**דעם רבי'נס זאך איז התחזקות!**

**עיקר יניקת הנשמה**

**געבעטן פריער דעם אויבערשטן**

**זוכט מיר!**

**"מִי יְפָאֵר גֹּדֶל פְּאֵר הַדִּבּוּר הַקָּדוֹשׁ כְּשֶׁיָּצָא מִפִּיו..."**

**דער ניגון פון משיח צדקנו**

**דערקוויקן דעם קראנקן מיט מילך**

**'קברו' של משה - דייקא**


ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #108**

בס"ד

# הילולת רבינו הקדוש

## ח"י תשרי - שנת תשל"ו

(טייפ מס' 105#)

## דעם רבי'נס זאך לעבט!

(ההתחלה לא ברורה) מען האט שוין נעכטן גערעדט, מען מעג עס נאכאמאל איבער'חזר'ן: היינט איז געווארן הונדערט פינעף-און-זעכציג יאר פון דעם רבי'נס הסתלקות!; אבער צוריקצואוועגס דארפן מיר זאגן אז עס איז שוין הונדערט פינעף-און-זעכציג יאר וואס דעם רבי'נס זאך לעבט!

עס איז געווען אסאך צייטן וואס עס האט זיך געהאלטן זייער אין א קטנות; אבער דער רבי האט דאך געזאגט: "מַיין פַייעֶרְל וֶועט שׂוין טְלוּאֶין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען!"[א] מען זעהט אז יעדער דיבור פונעם רבי'ן איז 'אמת ויציב' - און דאס פייערל טלועט, און דעם רבי'נס זאך לעבט! אסאך יראים ושלמים וואס זיי האבן דעם רבי'ן נישט געקענט און זיי האבן רבי נתן'ען אויך נישט געקענט, פונדעסטוועגן דאס חיות

---

[א] חיי מוהר"ן ש"ו.

אינעם רבי'נס זאך, דאס ליכטיקייט וואס איז דא פונעם רבי'ן, און די הייליגע ספרים - עס איז דא מיט וואס זיך מחיה צו זיין![ב]

❖

## די לעצטע תורה פון רבי'ן

'די' תורה (ח' תניינא) האט דער רבי געזאגט דעם לעצטן ראש השנה[ג]. דעם לעצטן ראש השנה איז דער רבי געווען זייער שוואך אין געזונט. דער שטייגער ביים רבי'ן איז געווען אז דער רבי פלעגט זאגן תורה דעם ערשטן טאג ראש השנה בין השמשות, נאך מנחה[ד]. איז געווען דארטן דעם רבי'נס א שטול נעבן דעם ארון הקודש, און דער רבי האט געזאגט אז ער קען נישט ארויסגיין זאגן תורה נאר אז מען וועט שטעלן דעם שטול ביים אריינגאנג צום רבי'נס חדר.

דער רבי איז געווען אזוי שלאַף אז עס איז געווען אוממעגליך דער רבי זאל זאגן תורה; עס איז ממש געווען א רחוק'דיגע זאך אז ער זאל קענען אריינגיין זאגן תורה. האט דער רבי געוויזן אזוי: 'ווי קען איך?!' נאר ער האט געזאגט צו רבי נתן'ען: "אזוי פיל מענטשן זענען געקומען צו פארן און זיי ווילן הערן תורה, וועל איך זיך מוסר נפש זיין!". נאר וואס דען, דער רבי האט געזאגט אז מען זאל נעמען דעם שטול און

---

[ב] עי' פרפראות לחכמה סי' ס"א, אות י"ד: "...כאשר הבטיח ז"ל שענינו לא יופסק והאש שלו תוקד עד ימות המשיח כנ"ל, **וכנראה בחוש** אשר זה יותר משישים שנה אחר הסתלקותו ז"ל, והאש הקדוש של אמונת חכמים בו ז"ל ובחיבוריו הקדושים ובכל הצדיקי אמת בוער בלב אנ"ש עד אין סוף ממש, ומשתדלים לעסוק בעניניו ז"ל בכל פעם בהשתדלות יתירה ביותר להפיץ מעיינותיו חוצה להדפיס חיבוריו ז"ל, ולבנות בניניו הקדושים, ולעסוק בכל ענייניו על צד היותר טוב **וכבר יש רבים מאנ"ש אשר כמעט שלא הכירו ולא ידעו ולא ראו גם שום אחד מתלמידיו הקדושים ז"ל, ואף על פי כן בוער בלבם עסקיו ועניניו של רבינו הקדוש ז"ל כאש יוקדת ממש**, ושותים בצמא את כל דבריו ודברי תלמידיו הקדושים ז"ל, והם עליהם ממש כמים קרים על נפש עיפה, ועובדים את ה' באמת בכל לבם ובכל נפשם, **והכל בכח קדושת ההתנוצצות הארת הדעת הקדוש שנשאר בעולם מרבינו הקדוש ז"ל על ידי חיבוריו ותלמידיו הקדושים**".

[ג] חיי מוהר"ן אות רי"ט; ימי מוהרנ"ת אות נ"ב.

[ד] שם. גם עי' חיי מוהר"ן אות קכ"ו.

אוועקשטעלן דארטן נעבן זיין חדר אז טאמער חלילה וועט אים ווערן אביסל שווער זאל מען אים קענען גלייך אריינגעמען צו זיך אין חדר. האט מען אזוי געטוהן באלד, מען האט געלייגט דעם שטול נעבן דעם רבי'נס חדר, און דער רבי האט זיך אוועקגעזעצט אויפן שטול זייער שוואך.

עס איז א געוואלדיגער חידוש אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן דער תורה! די תורה איז א גרויסע תורה, און דער רבי איז געווען אזוי שוואך אז עס איז אים געווען שווער צו רעדן א ווארט, אסאך בלוט איז אים ארויס פון האלז. האט ער אנגעהויבן צו רעדן דער תורה זייער שטיל, די תורה האט געדויערט א קארגע פיר שעה! - א געוואלד! רעדן מיט אזא מין שוואכקייט, עס איז א געוואלדיגער נס! דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט אז מיר זאלן האבן דער תורה אויך![ה] אזא מין מסירת נפש וואס דער רבי האט געהאט קודם הסתלקותו!

אז דער רבי האט געזאגט דער תורה און ער האט זיך געזעגנט פון דער וועלט מיט דער תורה, ליגט דאך אין דער תורה עפעס אזא מין זאך וואס דער רבי לאזט אונז איבער א זאך וואס די זאך זאלן מיר (אפהיטן)! כאטש גאנץ ליקוטי מוהר"ן איז וואס דער רבי לאזט אונז איבער, אבער דער שטייגער איז אז קודם הסתלקותו רעדן די צדיקים נאר זאכן וואס האבן א שייכות אז עס זאל בלייבן א השארה! אט די תורה דאס איז אוודאי אַן השארה וואס מיר דארפן דאס אלע וויסן אז דאס איז געווען ביים רבי'ן זייער א געוואלדיגע מסירת נפש קודם הסתלקותו, ער האט זיך מוסר נפש געווען צו זאגן דער תורה!

❖

---

[ה] עי' ימי מוהרנ"ת שם: "וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעֹצֶם חֲלִישׁוּתוֹ יָשַׁב עַל הַכִּסֵּא בֵּין רִבּוּי עָם כָּזֶה וְיָשַׁב קְצָת כְּדַרְכּוֹ וְאַחַר כָּךְ פָּתַח פִּיו הַקָּדוֹשׁ וְהִתְחִיל לוֹמַר תּוֹרָה אֲבָל אָמַר בְּקוֹל נָמוּךְ מִמַּה שֶּׁהָיָה רָגִיל לוֹמַר תָּמִיד **וְלֹא הָיָה שׁוּם דֶּרֶךְ הַטֶּבַע שֶׁיִּגְמֹר תּוֹרָה אֲרֻכָּה כָּזֹאת בַּחֲלִישׁוּת כָּזֶה אַךְ בַּעַל הָרַחֲמִים אֲשֶׁר מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדוֹר וָדוֹר חָמַל עָלֵינוּ וְעַל כְּלַל יִשְׂרָאֵל לְדוֹרוֹת וְעָמַד בְּעֶזְרוֹ עַד שֶׁגָּמַר הַתּוֹרָה בְּנֵס נִפְלָא**".

## פאטשקע נישט מיט די מיסט

(מתחיל התורה מבפנים:) "תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֵּסֶא לְיוֹם חַגֵּנוּ, כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב".

"כאטש וואס תוכחה איז א דבר גדול און עס איז 'מוטל על כל אחד מישראל להוכיח את חבירו' אז ער זעהט אין אים עפעס א זאך וואס ער פירט זיך נישט כשורה, אזוי ווי עס שטייט דאך אין דער תורה: 'הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ'[ו] - פונדעסטוועגן, נישט יעדער מענטש איז ראוי להוכיח" - נישט יעדער מענטש איז ראוי מוכיח צו זיין, "אזוי ווי רבי עקיבא האט געזאגט: 'תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח!'"[ז]. - דער רבי האט אונז איבערגעלאזט דער זאך: אז דער רבי ווערט נסתלק - און מיר וועלכע בלייבן איבער וועלן איינער דעם צווייטן וועלן מוכיח זיין, דער וועט געפינען אויף דעם 'עוולות', און דער אויף דעם 'עוולות' - האט דער רבי אונז געזאגט דער תורה: עס איז טאקע א מצוה צו מוכיח זיין, אבער נישט יעדער איינער איז ראוי להוכיח. דאס האט דאך רבי עקיבא געזאגט: "תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח". "און אויב רבי עקיבא האט דאס געזאגט בדורו, כל שכן בדור הזה של עכשיו".

זאגט דער רבי ווייטער, ער איז טאקע נישט ראוי להוכיח, אבער וואס מאכט ער דא קאליע? נאר "אז דער מוכיח איז נישט ראוי להוכיח איז לא דַי וואס ער העלפט נישט מיט זיין תוכחה, נאר ער איז נאך מבאיש ריח פון די נשמות וואס הערן זיין תוכחה". - וואס איז ער מבאיש ריח? נאר מיר ווייסן דאך אז יעדער עבירה וואס א מענטש טוהט, אפילו א פגם, ווערן דערפון שלעכטע ריחות. אזוי ווי א מצוה ברענגט גוטע ריחות - אַן עבירה ברענגט שלעכטע ריחות. און אז מען איז יענעם מוכיח - יענער האט טאקע געטוהן אַן עוולה, און פון דער עוולה איז געווארן

---

[ו] ויקרא יט, יז.

[ז] ערכין טז:

א שלעכטן ריח, אבער אז יענער גייט אים מוכיח זיין און ער איז נישט ראוי להוכיח, ווערט אזא מין ריח רע אז ער מאכט יענעם נאך ערגער. ווארום דער שטייגער איז, אז עס איז דא א ריח רע, נעמט מען אסאך בשמים און דורך די בשמים גייט אוועק דער ריח רע. איז אז ער קען איגנאנצן אפרוימען פון אים (זיין רע, איז גוט), אבער ער קען דאך נישט, איז וואס טוהט ער דא? ער האט נאר געמאכט א ריח רע, עס איז געווארן נאך ערגער! איז וואס האט ער געהאלפן מיט זיין תוכחה?!

א יעדע מצוה וואס א מענטש טוהט, טוהט ער פאר 'זיך' אליין - 'תפילין', 'ציצית'. אבער דא איז דאך א מצוה מיט 'יענעם' - די תורה זאגט: 'זיי מוכיח יענעם'. וואס וויל דא דער אויבערשטער? צוליב וואס דארף איך מוכיח זיין יענעם? איך זאל יענעם א טובה טוהן! אבער אז איך מאך יענעם נאך ערגער, קומט דאך אויס אז איך בין נישט מקיים דער מצוה, אדרבה, ער מאכט נאך אסאך ערגער. "ווייל דורך זיין תוכחה", זאגט דער רבי, "דערוועקט ער דעם ריח רע פון די מעשים רעים ומידות רעות של האנשים שהוא מוכיחם".

## דעם רבי'נס זאך איז התחזקות!

דעם רבי'נס זאך איז געווען זייער 'התחזקות'! פארוואס? ווייל א מענטש אז ער איז געפאלן און ער האט טאקע געטוהן פגמים אסאך - - דער רבי האט דאך געזאגט: "צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג!"[ח]. און נאך האט דער רבי געזאגט: "וואו עפעס רעכטס, איז מחוייב צו מיר ווערן מקורב!"[ט] - האט דער רביביידע געזאגט, איז דאך ביידע געווען ריכטיג: צום רבי'ן זענען געווארן מקורב אזעלכע מענטשן וואס זיי זענען געווען

---

[ח] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י: "אָמַר, כַּמָּה צֶלֶם אֱלֹקִים הָיוּ מֻנָּחִים בָּרֶפֶשׁ שֶׁאֲנִי הוֹצֵאתִים מֵהָרֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', כִּי נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁהַמִּתְקָרְבִים אֵלַי נִשְׁתַּנָּה פְּנֵיהֶם, וּבָא עֲלֵיהֶם פָּנִים שֶׁל יְהוּדִי בְּחִינַת צֶלֶם אֱלֹקִים. **הֲלֹא יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַּי לָהֶם, כִּי גַּם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם**, שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתֹּר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים, וְעַל יָדִי נִתְקָרְבוּ וְכוּ'".

[ט] עיי"ש אות רפ"ו: "אָמַר כְּבָר תָּמַהְתִּי עַל הָעוֹלָם שֶׁהֵיכָן שֶׁנִּמְצָא אֵיזֶה טוֹב אֲמִתִּי רָאוּי שֶׁיִּתְקָרֵב אֵלֵינוּ **[ווִי סֶע גִיפִינְט זִיךְ עֶפִּיס רֶעכְטְס אִיז מְחֻיָּב צוּ מִיר מְקוּרָב צוּ וֶוערְן!]**".

געוואלדיגע גדולים, צדיקים, קדושים, און זיי זענען געווארן מקורב צום רבי'ן. ווידער זענען געווארן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג. איז אויב ער איז נישט ראוי להוכיח איז ער מבאיש ריח פון די נשמות וואס הערן זיין תוכחה, ווייל דורך זיין תוכחה דערוועקט ער דעם ריח רע פון די מעשים רעים און מידות רעות פון די מענטשן וואס ער איז זיי מוכיח.

**- "אזוי ווי אז עס ליגט עפעס א זאך וואס האט נישט קיין גוטער ריח, כל-זמן מען רירט נישט דער זאך פון ארט, די זאך איז פארדעקט, פילט מען נישט דעם ריח רע, אבער אז מען הויבט אָן אביסל א ריר געבן דער זאך דערוועקט מען א ריח רע. כמו-כן", זאגט דער רבי, "דורך די 'תוכחה של מי שאינו ראוי להוכיח, על ידי זה' מאכט ער רירן און מאכט דערוועקן דעם ריח רע פון די מעשים רעים און פון די מידות רעות פון די מענטשן וואס ער איז זיי מוכיח".**

דער אויבערשטער וויל דאך דו זאלסט יענעם שטארקן! דער רבי שטארקט יענעם: "דער אויבערשטער איז מיט דיר, און ביי דיר, און לעבן דיר", דער אויבערשטער וויל דיר!׳ די גאנצע זאך פארוואס א מענטש וואס ער וויל טוהן תשובה איז ווייט פון תשובה, איז ווייל ער מיינט אז אין דער רגע וואס ער האט דערצערנט דעם אויבערשטן וויל אים נישט דער אויבערשטער, ער 'ווייסט' אז מען וויל אים גארנישט. דארף מען אים געבן אזעלכע מיני בשמים, אזעלכע מיני התחזקות - אז דער אויבערשטער וויל דיר יא! אזוי ווי דער רבי זאגט אין דער תורה:

---

׳ עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ח: "כִּי צָרִיךְ לְהַרְאוֹת לְמִי שֶׁהוּא לְמַטָּה מְאֹד בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה לְגַמְרֵי, שֶׁעֲדַיִן הוּא סָמוּךְ לַה' מַמָּשׁ, כִּבְיָכוֹל, וּלְעוֹרְרוֹ וּלְגַלּוֹת לוֹ: **ה' עִמְּךָ, וְאַל תִּירָא וְאַל תִּפְחַד וְאַל תֵּחַת, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ עִמְּךָ וְאֶצְלְךָ וְקָרוֹב לְךָ מַמָּשׁ**, כִּי "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ" (יְשַׁעְיָה ו). עַל כֵּן אֲפִלּוּ אִם הָאָדָם נוֹפֵל, חַס וְשָׁלוֹם, לְמָקוֹם שֶׁנּוֹפֵל, רַחֲמָנָא לִצְלָן, וְהוּא בְּשֵׁפֶל הַמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה מַמָּשׁ גַּם מִשָּׁם יוּכַל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בַּה' וְלָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'". גם עי' בעלים לתרופה ממכתב מאור ליום ו', ערב שב"ק פר' בלק, שנת תר"ו: "וְתִסְתַּכֵּל וּתְעַיֵּן שָׁם מֵחָדָשׁ מַמָּשׁ אֵיךְ דִּקְדַּקְתִּי בִּכְתָבוֹ בְּבֵאוּר הֵיטֵב, כְּמוֹ שֶׁיָּצָא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁגַּם בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ. וְאֵיךְ צָעַק בְּקוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְאָמַר **גָּאט אִיז מִיט דִּיר בַּיי דִּיר לֶעבִּין דִּיר שְׁרֶעק דִּיךְ נִיט. דוּפִּי אָף מַיין כֹּחַ. קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פָּאר הַאנְדִין!**".

**"דער איבערשטער איז מיט דיר, און ביי דיר, און לעבן דיר, שרעק זיך נישט!"** דערמיט ווערט אזא מין ריח טוב, אז דער ריח רע ווערט (אוים).

דער רבי האט געזאגט: **"איר טוהט גוטס; דאס גוטס וועט בלייבן, און דאס שלעכטס וועט ממילא אראפפאלן!"**[יא]. אז איינער איז א בעל תשובה דארף ער אזוי פיל מרבה זיין בתורה, בתפילה, מצוות ומעשים טובים, אט דאס הייסט אלץ 'גוטע ריחות'. די גוטע ריחות וועלן אפקלאפן דעם ריח רע. אבער אז מען הויבט אים אָן צו זאגן מוסר דערוועקט מען נאר דעם ריח רע, עס ווערט אזא מין ריח רע, עס איז געוואלדיג, ער מאכט דאך יענעם ערגער.

## עיקר יניקת הנשמה

און נאך זאגט דער רבי: (ע"י שמבאיש ריחם בתוכחה שאינה כראוי -) **"עס ווערט אפגעהאלטן דער שפע פון אלע עולמות וואס הענגען אָן אין די נשמות!"**. ווייל יעדע נשמה - ווי אזוי די נשמה איז, גייט דורך א שפע דורך דער נשמה. ווען גייט דורך דער שפע? אז מען איז אים נישט מבאיש ריח! אבער אז די נשמות הערן אזא מין תוכחה, ווערט אזא מין ריח רע, ווערט אפגעהאקט די שפע פון די נשמות, קומט דאך אוים אז ער איז שוין מזיק דער וועלט אויך!

די שפע ווערט דורך די נשמות, ווארום דורך דעם ריח רע וואס די נשמה דערפילט ווערט אפגעהאקט דער שפע, עס קען שוין נישט קומען די שפע וואס דארף קומען אין דער וועלט אריין. **"ווארום דער עיקר יניקת הנשמה איז נאר פון**

---

[יא] חיי מוהר"ן אות תמ"ז: "עוֹד שָׁמַעְתִּי מֵהָאִישׁ הַנַּ"ל (רבי יצחק דוב מטירהאוויצע), שֶׁפַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבִּי גֵּרְשׁוֹן מִטִּירָהאוִויצֶע עִם רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְקָבַל לְפָנָיו מְאֹד עַל אֲשֶׁר צַר לוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם. עָנָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְאָמַר אַתָּה עֲשֵׂה טוֹב וַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת וּכְשֶׁתַּעֲסֹק וְתַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲזַי הַטּוֹב יִשָּׁאֵר וְהָרַע מִמֵּילָא יִתְבַּטֵּל **[דוּא טוּא אִין יוּדִישְׁקַייט, גִיטְס וֶועט בְּלַייבְּן אוּן שְׁלֶעכְטְץ וֶועט מִמֵּילָא אַרָאפּ פַּאלְן!]**".

דעם ריח. וכמו שאמרו רז"ל[יב]: 'מנין שמברכין על הריח?' וכו'." וואס איז א ריח? עס איז א ריח טוב פון א מצוה!

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש[יג]: אז מען ברענגט א קרבן - די בעלים עסן דאס פלייש, די כהנים עסן דאס פלייש, דער מזבח האט די אימורים. וואס האט דער אויבערשטער פון דעם קרבן? נאר 'ריח ניחוח להשם'! א ריח ניחוח! אז דער מענטש ברענגט דעם קרבן האט ער אזא מין רצון צום אויבערשטן, אט דאס האט דער אויבערשטער פונעם קרבן, נאר דעם ריח ניחוח אט דאס וויל דער אויבערשטער! דאס איז אויך דאס אייגענע: די נשמות האבן הנאה נאר פונעם ריח.

דער רבי ברענגט ווייטער: "כי יש מזונא דנשמתא [ומזונא דגופא"] - אז דער גוף האט הנאה פון די עסן, אבער די נשמה האט הנאה נאר פונעם 'ריח'. וואס הייסט 'דער ריח'? דער 'ריח' הייסט, די מעשים טובים, די מידות טובות, די גוטע דיבורים - פון דעם האט די נשמה הנאה! ממילא אז די נשמה האט דערפון הנאה, ווערט א שפע דורך דער נשמה, האבן מיר אויך שפע פון דער נשמה. אבער אז דער מענטש איז מבאיש ריח און עס ווערט שלעכטע ריחות פון דער נשמה, קומט דאך אויס אז די נשמה אליין ווערט נחלש, ווערט נחסר דער שפע וואס מען איז מקבל דורך די נשמות. זאגט דער רבי: "אז דער מוכיח וואס ער איז 'מבאיש ריחם, על-ידי-זה נחלשת הנשמה שיניקתה מהריח, וממילא' ווערט אפגעהאקט דער שפע פון אלע עולמות וואס הענגען אָן אין די נשמות!".

## געבעטן פריער דעם אויבערשטן

דער רבי האט אונז איבערגעלאזט אט די זאך, אז מיר זאלן וויסן אז עס מאכט זיך אז מען זעהט ביי יענעם אַן עוולה - אויב איך דארף אים זאגן, דארף איך פריער

---

[יב] גמ' ברכות מג: "אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב, **מנין שמברכין על הריח? שנאמר, 'כל הנשמה תהלל י-ה' - איזהו דבר שהנשמה נהנית ממנו ואין הגוף נהנה ממנו? הוי אומר - זה הריח**".

[יג] עי' בזוה"ק פר' פנחס, רעיא מהימנא דף רכד:

בעטן דעם אויבערשטן: 'ווי אזוי זאל איך יענעם זאגן אז יענער זאל חלילה נישט מיינען אז איך מיין עפעס יענעם צו דערצערענען?!' מען דארף בעטן דעם אויבערשטן אז איך זאל אים אזוי זאגן אז יענער זאל פילן אז איך מיין חלילה נישט קיין שום זאך, און אז די דיבורים זאלן טאקע זיין - עס זאל שמעקן פון די דיבורים (א ריח טוב)! עס איז א גאנצע זאך, עס איז נישט קיין קלייניקייט - 'איך גיי יענעם זאגן א דיבור!'

עס איז געוועזן אונזערע מענטשן וואס האבן טאקע געטוהן אזוי: אז זיי האבן יענעם געדארפט זאגן, האבן זיי פריער גערעדט פארן אויבערשטן דיבורים: "ווי אזוי זאל איך יענעם זאגן? יענער קען דאך מיינען אז איך מיין עפעס! ווי אזוי זאל איך זאגן - און עס זאל נאר זיין א ריח טוב פון מיינע דיבורים?!". ווארום עס איז נישט קיין קלייניקייט, נישט יעדער איינער איז ראוי להוכיח![יד]

[יד] עי' ליקוטי הלכות הל' ציצית ה"ה, אות ז': "**וְכֵן אָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ** שֶׁלִּפְעָמִים כְּשֶׁאָדָם מוֹכִיחַ אֶת עַצְמוֹ וּמַתְחִיל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ מַעֲשִׂים הָרָעִים שֶׁעָשָׂה אֲזַי שָׁכִיחַ הַרְבֵּה שֶׁנּוֹפֵל עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מְאֹד וְיֵשׁ שֶׁנָּפְלוּ מְאֹד עַל יְדֵי זֶה, וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַתּוֹכֵחָה שֶׁאֵינָהּ כָּרָאוּי שֶׁמַּחְלֶשֶׁת כֹּחַ הַנְּשָׁמָה, עַל יְדֵי שֶׁמְּעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע שֶׁל הָעֲוֹנוֹת, כַּמְבֹאָר שָׁם. **וְעַל כֵּן אֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהוֹכִיחַ לֹא אֶת עַצְמוֹ וּמִכָּל שֶׁכֵּן אֲחֵרִים כִּי אִם כְּשֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים**, שֶׁהֵם בִּבְחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁיְּכוֹלִים לְהוֹכִיחַ בְּקוֹל הַתּוֹכֵחָה שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁהוּא קוֹל הַשִּׁיר הַנַּ"ל, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מוֹסִיפִין וְנוֹתְנִין רֵיחַ טוֹב בְּהַנְּשָׁמוֹת כַּנַּ"ל, כִּי עִקַּר הַתּוֹכֵחָה צְרִיכָה לִהְיוֹת בִּבְחִינַת הַשִּׁיר שֶׁל חֶסֶד הַנַּ"ל, דְּהַיְנוּ לְהַטּוֹת כְּלַפֵּי חֶסֶד, שֶׁהוּא בְּחִינַת אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי הַנֶּאֱמַר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל (בסימן רפ"ב), עַיֵּן שָׁם כָּל הָעִנְיָן, שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה זְכוּת וּנְקֻדָּה טוֹבָה וְכֵן בַּחֲבֵרוֹ, בְּחִינַת וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְכוּ', שֶׁעַל יְדֵי זֶה הוּא נִכְנַס בֶּאֱמֶת בְּכַף זְכוּת וְיָכוֹל לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה. **עַל כֵּן** כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְהוֹכִיחַ **אֲפִלּוּ אֶת עַצְמוֹ** צָרִיךְ לְדַקְדֵּק מְאֹד שֶׁלֹּא יַפִּיל אֶת עַצְמוֹ ח"ו, יוֹתֵר עַל יְדֵי תּוֹכֵחוֹת, שֶׁלֹּא יַחֲלִישׁ אֶת דַּעְתּוֹ וְנִשְׁמָתוֹ עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכֹּר רַק אֶת מַעֲשָׂיו הָרָעִים עַד שֶׁיּוּכַל לִפֹּל לְגַמְרֵי ח"ו, עַל כֵּן צָרִיךְ לְדַקְדֵּק לְהַטּוֹת כְּלַפֵּי חֶסֶד לְחַפֵּשׂ לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת **וְהַתּוֹכֵחָה תִּהְיֶה בְּדֶרֶךְ חֶסֶד לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** וְלִבְטוֹחַ בְּרַחֲמָיו הָעֲצוּמִים שֶׁיֵּשׁ אֶצְלוֹ חֶסֶד כָּזֶה שֶׁגַּם כָּל מַעֲשָׂיו הָרָעִים יְכוֹלִין לְהִתְהַפֵּךְ לִזְכֻיּוֹת **אֲפִלּוּ אִם הִרְבָּה לִפְשֹׁעַ מְאֹד מְאֹד יָמִים וְשָׁנִים הַרְבֵּה**, אַף עַל פִּי כֵן חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ וְלֹא כָלוּ רַחֲמָיו לְעוֹלָם, כִּי עִם ה' הַחֶסֶד וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת וְכוּ'. **וְהַכְּלָל**, שֶׁעִקַּר הַתּוֹכֵחָה תִּהְיֶה בְּאֹפֶן שֶׁיְּחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהַתְחִיל מֵעַתָּה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְלֹא שֶׁיְּקַלְקֵל ח"ו יוֹתֵר עַל יְדֵי תּוֹכַחְתּוֹ שֶׁיִּפֹּל ח"ו יוֹתֵר, שֶׁזֶּה נִמְשָׁךְ מֵחֲמַת שֶׁנֶּחְלֶשֶׁת נִשְׁמָתוֹ וְכוּ' כַּנַּ"ל".

אבער אז דער מוכיח איז ראוי להוכיח, איז אדרבה, ער איז מוסיף און גיט א ריח טוב אין די נשמות דורך זיין תוכחה. ווארום די תוכחה דארף זיין די תוכחה פון משה רבינו וואס האט געשטראפט די אידן נאך דער מעשה העגל. מען קען פארשטיין אזא מין זאך? פערציג טעג נאך 'קבלת התורה', "פָּנִים בְּפָנִים דִּבֶּר ה' עִמָּכֶם בָּהָר מִתּוֹךְ הָאֵשׁ"[טו], דער בארג איז געווען פול מיט פייער, עס האט געברענט, עס איז א געוואלד געווען - און דערנאך געמאכט אַן עגל!?

דער אלשי"ך זאגט טאקע, אז דער פגם איז געווען טאקע קעגן השם יתברך, און קעגן משה רבינו אויך! געוואלד! משה רבינו! א קליינער בזיון?! פערציג טעג איז ער דא אין הימל און טוהט אלץ לטובת ישראל - און מען גייט און מען מאכט אַן עגל... וואלט ער זיי דאך געדארפט מוכיח זיין - האט ער זיי צוגעגעבן א ריח טוב מיט זיין תוכחה!

"נִרְדִּי 'נָתַן' רֵיחוֹ"[טז]. די גמרא זאגט[יז]: "'עזב' לא נאמר אלא 'נתן'" - עס שטייט נישט 'עזב' - 'פארלאזט דעם ריח', נאר עס שטייט 'נתן'. אז עס שטייט 'נתן', טייטשן מיר דאך אויך 'פארלאזט'. פארוואס שטייט טאקע 'נתן'? זאל טאקע שטיין 'עזב' - אז זיי האבן פארלאזט דעם ריח? עס דארף דאך טאקע שטיין 'עזב'? נאר ער האט זיי צוגעגעבן א ריח טוב בשעת ער האט זיי געזאגט אז 'איר האט פארלאזט דעם ריח', דערפאר שטייט טאקע 'נתן'. **"'כי על ידי תוכחה של משה על מעשה העגל' האט ער מוסיף געווען און געגעבן אין זיין א ריח טוב!"**.

עס שטייט דאך אין מדרש[יח], אז משה רבינו האט נישט געלאזט קיין ווינקל אין די רקיעים אין וואס ער האט זיך נישט אויסגעווארפן; אין יעדעם ווינקל האט ער

---

[טו] דברים ה, ד.

[טז] שיר השירים א, יב.

[יז] שבת פח:

[יח] מדרש רבה, עקב, פר' יג, פס' יא: **"אָמַר רַבִּי חִיָּא בַּר אַבָּא לֹא הִנִּיחַ מֹשֶׁה זָוִית בָּרָקִיעַ שֶׁלֹּא נִתְחַבֵּט בָּהּ"**.

געבעטן! "ויחל" – זאגט דער מדרש[יט], ער איז קראנק געווארן! "ויחל" איז אויך א לשון ציטערניש (- חלחלה), א געוואלד וואס משה רבינו האט אויסגעארבעט מיט זיינע תפילות. עס האט דאך אים גוט דערלאנגט דער פגם... אבער פונדעסטוועגן אז ער איז אראפגעקומען אונטן האט ער זיי מוסיף געווען א ריח טוב מיט אזוי פיל התחזקות!

דער מדרש ברענגט אין אַן אָרט[כ]: אז די אידן האבן נישט געלאזט משה רבינו צעברעכן די לוחות, זיי האבן אים אנגעהאלטן ביי די הענט און זיי האבן נישט געלאזט - אבער ער האט עס יא צעבראכן, איז געווארן אזא מין א געוויינעריי – 'געוואלד, מיר האבן נישט קיין תורה, מיר האבן קיין תורה נישט, מיר האבן נישט קיין תורה'. איז משה רבינו ארויף אין הימל נעמען א תורה. ווער ווייסט צו מען וועט אים געבן נאך א תורה?!... דערווייל האבן מיר קיין תורה נישט. און די אידן זענען ארומגעגאנגען מיט א בענקעניש. נאך דעם אז משה איז אראפ ממחרת יום הכיפורים און ער האט געבראכט דער תורה איז געווארן אזא מין שמחה, אזא מין ליבשאפט, אז מען קען דאס גאר נישט משער זיין, מען האט זיך געפריידט: "מיר האבן שוין צוריק א תורה, מיר האבן שוין צוריק א תורה!".

אט דאס איז אַן אמת'ער מנהיג! דער אמת'ער מוכיח! נאך אזא מין עוולה - עבודה זרה - א געוואלד וואס דער פגם האט גורם געווען, "וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"[כא] - פונדעסטוועגן האט ער זיי צוגעגעבן א ריח טוב. "'כי על-ידי תוכחה' פון משה אויף דער מעשה העגל האט ער מוסיף געווען און געגעבן אין זיי א ריח טוב, וואס דאס הייסט 'מזונא דנשמתא'", ווארום דער ריח טוב אָט דאס איז די מזון פון דער נשמה, ווייל "דער עיקר יניקה פון דער נשמה איז נאר פון דעם ריח, ווייל

---

[יט] שם, כי תשא, פר' מג, פס' ג.

[כ] עיי"ש, פר' מו, פס' ג.

[כא] שמות לב, לד.

דורך דעם קול המוכיח וואס ער איז ראוי, על-ידי-זה גיט ער א ריח טוב אין די נשמות - און דאס הייסט 'מזונא דנשמתא'".

"ווייל עס איז דא 'מזונא דנשמתא', און עס איז דא 'מזונא דגופא'". דאס מאכל וואס מיר עסן - דער גוף עסט, און די נשמה עסט אויך. אבער מיר האבן פריער געהערט פון דעם זוהר הקדוש אז די נשמה האט נאר דעם ריח פון דאס עסן.

דערפאר דארף מען טאקע עסן מיט א יראה. דער רבי זאגט טאקע אין א תורה[כב], אז דער עיקר יראה קומט צום מענטשן בשעת'ן עסן. אז ער זיצט טאקע מיט א יראה ביים עסן איז טאקע דא א ריח. דער גוף האט טאקע הנאה פונעם עסן, אבער די נשמה האט הנאה פון דעם ריח! ממש א בחינה פון "וַיְדַבֵּר אֵלַי - זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'"[כג] - דער אויבערשטער זאגט: אז דו וועסט רעדן צו מיר - 'זה השלחן אשר לפני ה''. טאקע "אִשֵּׁה ריח ניחוח לה'", אזוי דארף ממש זיין ביים עסן.

זאגט דער רבי: עס איז דא 'מזונא דנשמתא', און עס איז דא 'מזונא דגופא'. "דהיינו על-ידי אכילה ושתיה ווערט שוואך די 'מזונא דנשמתא'". אויב ער האט נאר אינזין דאס עסן בשעת'ן עסן - און ער האט נישט אינזין דעם אויבערשטן בשעת'ן עסן - מיט 'אמירת תורה' צו וואס, אט דאס הייסט 'מזונא דגופא' אליין, וואס אזוי ווערט אפגעשוואכט די 'מזונא דנשמתא'.

בשעת'ן עסן – אוודאי דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אויבערשטן, מען וואשט זיך 'נטילת ידים', מען מאכט א ברכה בכוונה, מען האט א ספר ביים טיש, אבער דער עיקר – מען דארף האבן א רצון צום אויבערשטן ביים עסן! אט דאס איז דער ריח ניחוח! דאס איז לה'! און דאס איז טאקע פארן מענטשן אויך, דאס איז 'מזונא דנשמתא'.

---

[כב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ז, מובא לקמן.

[כג] יחזקאל מא, כב.

"ווייל דורך 'מזונא דגופא' אליין - אכילה ושתיה, איז מען מגדיל דעם 'עקב דסטרא אחרא', בבחינת: 'אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב'[כד], ווייל דורך אכילה ווערן געשטארקט די עֲקֵבים והרגלין, בבחינת 'דֹּק בְּכַבֵּי וְתִשְׁכַּח בְּנַגְרֵי'"[כה]. דאס רעדט דער רבי אויב ער האט נאר אינזין די 'מזונא דגופא' אליין; אז מען האט נישט אינזין ביים עסן די 'מזונא דנשמתא' ווערט געשטארקט דער עקב דסטרא אחרא, ווערט נחלש דער עקב דקדושה וואס דאס איז דער "עֵקֶב עֲנָוָה יִרְאַת ה'"[כו].

❖

## זוכט מיר!

דער רבי האט געזאגט אזוי[כז]: "איך בין אַן אוצר פון יראת שמים - **פארוואס זוכט איר מיר נישט? אַן אוצר זוכט מען!**" אז מען ווייסט אז עס איז דארטן דא אַן אוצר, זוכט מען, און אז מען זוכט - געפינט מען! **"יגעתי ולא מצאתי - אל תאמין"** – דו זאלסט אים נישט גלויבן! – דאס האט צוויי טייטשן: דו זאלסט אים נישט גלויבן אז ער האט געזוכט; און דו זאלסט אים נישט גלויבן אז ער האט נישט געפונען. אויב ער זוכט, געפינט ער עס. עס קען אמאל זיין אז ער 'מיינט' אז ער האט נישט געפונען - אבער דו זאלסט אים נישט גלויבן אז ער האט נישט געפונען. דו זאלסט אים אויך נישט גלויבן אז ער זוכט, ווייל אז מען זוכט געפינט מען![כח]

---

[כד] תהלים מא, י.

[כה] שבת קנב.

[כו] משלי כב, ד.

[כז] חיי מוהר"ן אות רצ"ה: "שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ. **וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ?!** וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ: אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל? וְהֵשִׁיב: עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ! [מִיטְן פִּיסְק אוּן מִיטְן הַארְץ] בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

[כח] עי' עלים לתרופה מכתב מיום א' ראש חודש ניסן תקצ"ב, פר' מצורע, בא"ד, וזל"ש: "אֲפִלּוּ אִם נִדְמֶה לוֹ שֶׁאוֹבֵד חַס וְשָׁלוֹם בְּכָל פַּעַם יוֹתֵר אַף עַל פִּי כֵן הוּא יַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ וִיחַפֵּשׂ יוֹתֵר, **וְאַף עַל פִּי**

דער רבי האט געזאגט: **'פארוואס זוכט איר מיר נישט? פארוואס זוכט איר מיר נישט; איך בין אַן אוצר פון יראת שמים - דארפט איר מיר דאך זוכן!'**. מען זעהט טאקע, כמה מעשיות איז דא פונעם רבי'ן אז מען איז געקומען נאר צום רבי'ן איז שוין געווארן נשתנה פניו: א מעשה ביי רבי יודלען דארטן[כט], און ביי ר' בערן[ל] – און נאך אזעלכע אויף וואס מען ווייסט אז ווי נאר זיי זענען אריבערגעגאנגען צום רבי'ן איז שוין געווארן (א שינוי לטובה). אז ר' ליפא איז געוועזן דארטן ביים רבי'ן דאס ערשטע מאל האט מען געזעהן ביי אים א שינוי אויפן פנים, עס איז שוין געווארן זיין פנים מיט יראת ה'[לא]. **ווייל אז מען גייט נאר צו דעם אוצר פון יראת שמים מערקט מען שוין אַן א יראה, מען ווערט שוין פול מיט יראה!**[לב]

איך האב טאקע געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, אז ער האט געזאגט: **"די יראה וואס איז געווען ביים רבי'ן דעם ערשטן טאג ראש השנה אויף דער נאכט קען מען גארנישט אויסמאלן! אזא מין פחד איז געווען אז מען האט מורא**

---

**שֶׁאֵינוֹ מוֹצֵא כְּלָל, צָרִיךְ לְהַאֲמִין שֶׁבְּוַדַּאי מוֹצֵא הַרְבֵּה עַל יְדֵי הַבַּקָּשָׁה וְהַחִפּוּשׂ לְבַד**, כִּי הַיְגִיעָה אֵינוֹ נֶאֱבֶדֶת כְּלָל כִּי לֵית רְעוּתָא טָבָא דְאִתְאֲבִיד, וְזֶהוּ יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי אַל תַּאֲמִין, יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין, וְקָשֶׁה מַה הוּא לְשׁוֹן תַּאֲמִין הֲלֹא יְכוֹלִין לִרְאוֹת אִם מָצָא אִם לָאו, אַךְ בֶּאֱמֶת יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁיָּגַע הַרְבֵּה וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁעֲדַיִן לֹא מָצָא כְּלָל וּמֵחֲמַת זֶה הוּא אוֹמֵר יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי, אַף עַל פִּי כֵן אַל תַּאֲמִין לוֹ, רַק יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין, **אַף עַל פִּי שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מְאוּמָה מַה שֶּׁמָּצָא אַף עַל פִּי כֵן תַּאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁבְּוַדַּאי מָצָא הַרְבֵּה, כִּי יֵשׁ הַרְבֵּה שֶׁאֵין מַרְאִין לוֹ מַה שֶּׁמָּצָא עַד הַסּוֹף**, וְגַם אֲפִלּוּ אִם לֹא מָצָא כְּלָל עֲדַיִן, אַף עַל פִּי כֵן מָצָא הַרְבֵּה עַל יְדֵי הַחִפּוּשׂ וְהַיְגִיעָה לְבַד, כִּי הַיְגִיעָה וְהַחִפּוּשׂ לְבַד אֵינוֹ נֶאֱבָד בְּשׁוּם אֹפֶן, וְעַל כֵּן יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי תַּאֲמִין, תַּאֲמִין דַּיְקָא כַּנַּ"ל וְהָבֵן הֵיטֵב, כִּי לֹא דָבָר רֵיק הוּא". מובא גם בליקוטי הלכות ברכת הפירות ה"ה, אות א', עיי"ש.

[כט] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות כ"ג.

[ל] עיי"ש, אות כ"א: "רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר עָלָיו **שֶׁהוּא יָרֵא כָּל כָּךְ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ שֶׁמַּנִּיחִים אֵצֶל הָרוּסִישֶׁען צוּ שְׁמַיְיסִין** (כְּמוֹ שֶׁמַּנִּיחִים אֵצֶל הָרוּסִים לְהַלְקוֹת)".

[לא] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן - חלק שני, אות ל'.

[לב] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ד: "וְגַם אָנֹכִי שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם שֶׁכָּל מִי שֶׁרוֹצֶה יָכוֹל לְקַבֵּל מִמֶּנִּי. **וּבֶאֱמֶת הָיָה נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁכָּל שֶׁנִּתְקָרֵב אֵלָיו נִתְמַלֵּא תֵּכֶף יִרְאָה גְּדוֹלָה וַעֲצוּמָה**, וְנִתְלַהֵב מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר לֹא נִרְאָה כָּזֹאת. **וְגַם עַכְשָׁו** עֲדַיִן יִרְאָתוֹ הַגְּדוֹלָה גְּנוּזָה בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, **וְכָל מִי שֶׁעוֹסֵק בָּהֶם בֶּאֱמֶת וּבִתְמִימוּת בָּא עָלָיו יִרְאָה גְּדוֹלָה וּמִתְעוֹרֵר מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** כִּי כָּל דְּבָרָיו כְּגַחֲלֵי אֵשׁ".

**געהאט אויפצוהויבן דעם קאפ! דאס פנים איז געווען פול מיט יראת ה' און פחד ה'!" [ראש השנה טאקע איז 'פחד יצחק']. עס איז פול געווען מיט פחד ה', מען האט מורא געהאט, אזא מין יראה איז געווען.**

**ראש השנה - דעמאלט האט מען געזעהן דעם 'אוצר יראת ה'' וואס איז דא ביים רבי'ן! דארפן מיר נעמען פון דעם אוצר יראת ה'. מיט וואס נעמט מען? מען מוז אים זוכן!**

דער רבי זאגט ווייטער אין תורה ע"ז: **"דער עיקר יראה קומט צום מענטשן בשעת'ן עסן"**[לג]. דער רבי זאגט דארט: **"די יראה שטייט פונדערווייטנס; אויב דער מענטש עסט בקדושה גייט די יראה אריין אין אים - אז נישט גייט עס אוועק"**.

❖

קומט אויס אז דאס עסן איז א געוואלדיגע זאך, עס קען זיין אז עס זאל זיין נאר 'מזונא דגופא' - און דער ריח ניחוח איז גאר נישטא, עס איז נישט קיין שולחן לפני ה'. זאגט דער רבי אזוי: **"'והתיקון לזה' איז דורך דעם 'קול המוכיח'"** - דער קול המוכיח פון וואס מען האט פריער גערעדט וואס ער איז ראוי להוכיח. אז ער לאזט ארויס א קול גייט ארויס א ריח פון יראת ה', און דער וואס הערט זיין תוכחה נעמט

---

[לג] תניינא, וזל"ש, בא"ד: **"עִקַּר הַיִּרְאָה הִיא בָּאָה לָאָדָם בִּשְׁעַת אֲכִילָה דַּיְקָא**, בִּבְחִינַת (רות ב): "לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם", (כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ מִזֶּה [בְּמָקוֹם אַחֵר] לְעֵיל בְּסִימָן ז אוֹת י) 'אֵין הֲלֹם אֶלָּא מַלְכוּת' (זְבָחִים קב), שֶׁהִיא בְּחִינַת יִרְאָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (אָבוֹת פֶּרֶק ג): 'אִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ שֶׁל מַלְכוּת'. נִמְצָא שֶׁבִּשְׁעַת אֲכִילָה אֲזַי בָּאָה הַיִּרְאָה לְהָאָדָם, (וְכַמְבֹאָר בַּמַּאֲמָר 'וַיְהִי מִקֵּץ כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם', שֶׁעִקַּר הָאֲכִילָה וְהַפַּרְנָסָה נִמְשֶׁכֶת מִבְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת יִרְאָה, עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב). **וְעַל כֵּן כְּשֶׁאוֹכֵל בִּקְדֻשָּׁה וּמַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַיִּרְאָה הַבָּאָה לוֹ בִּשְׁעַת אֲכִילָה, דְּהַיְנוּ שֶׁאוֹכֵל עִם יִרְאַת שָׁמַיִם בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה כָּרָאוּי, אֲזַי הוּא מַכְנִיס אֶת בְּחִינַת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת הַיִּרְאָה כַּנַּ"ל, לְתוֹךְ הַפֶּה**, וַאֲזַי נַעֲשֶׂה מֵהַפֶּה בְּחִינַת קוֹמַת אָדָם, בִּבְחִינַת: "מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם" כַּנַּ"ל. **כִּי כְּשֶׁאֵינוֹ אוֹכֵל בִּקְדֻשָּׁה וּבְיִרְאַת שָׁמַיִם, אֲזַי הַיִּרְאָה הַבָּאָה בִּשְׁעַת אֲכִילָה כַּנַּ"ל, הִיא עוֹמֶדֶת מֵרָחוֹק וְאֵינָהּ נִכְנֶסֶת בּוֹ**, אֲבָל כְּשֶׁאוֹכֵל בִּקְדֻשָּׁה וּבְיִרְאָה, דְּהַיְנוּ שֶׁמַּמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַיִּרְאָה קְדוֹשָׁה הַנַּ"ל, אֲזַי נִכְנָס בְּחִינַת הַיִּרְאָה מַלְכוּת בְּפִיו, וְנַעֲשֶׂה מֵהַפֶּה בְּחִינַת קוֹמַת אָדָם כַּנַּ"ל", וכו', עיי"ש.

דעם ריח - אט דער ריח דארף זיין ביים מוכיח; דער מוכיח דארף האבן אין זיך אט דעם ריח אז ווער עס הערט זיין קול, זאל אין אים ווערן א ריח טוב, וועט ממילא אוועקגיין דער ריח רע פון די מעשים רעים.

❖

## "מִי יְפָאֵר גֹּדֶל פְּאֵר הַדִּבּוּר הַקָּדוֹשׁ כְּשֶׁיָּצָא מִפִּיו..."

זאגט דער רבי ווייטער: עס איז דא א גן וואס אין דעם גן וואקסן ריחות און יראות, אזוי ווי עס שטייט א פסוק: "וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן"[לד] - א ליכטיגקייט[לה] גייט ארויס פון דארטן, א מין נהר, א ליכטיגקייט פונעם עדן, להשקות את הגן. ווער איז דער קול וואס גייט ארויס פון דעם עדן? דער אמת'ער קול המוכיח וואס גייט ארויס פון דעם עדן, אזא מין נהר, אזא מין לעכטיגקייט! ער טרינקט אָן דעם גן וואס דארטן וואקסן אלע ריחות והיראות!

היינט איז אזא טאג פונעם רבי'נס הסתלקות. מיר גלויבן אז דער רבי האט דאך אזוי געזאגט, און מיר ווייסן נאך זאכן: די יראה וואס איז געווען ביים רבי'ן על פניו איז געווען געוואלדיג! מען קען נישט דאס מצייר זיין![לו]

---

[לד] בראשית ב, י.

[לה] עי' רמב"ן בראשית מא, א: "כי **יאור ונהר לשון אחד**, ושניהם לשון אורה - וכן הגשם נקרא אור, שנאמר (איוב לו ל) הן פרש עליו אורו, יפיץ ענן אורו (שם לז יא), וכמו שאמר רבי יוחנן (ב"ר כו ז) כל אורה האמורה באליהוא בירידת גשמים הכתוב מדבר ואולי בעבור שהגשמים בסיבת המאורות, והנהרות יעשו מהם יתיחסו אל האבות". גם עי' רבנו בחיי על בראשית ב, ט: "**ונהר מלשון תרגום אור נהורא**, והוא האור הבא מאין סוף, זהו שפירש מעדן שפירושו מסרת עד שאין משם ואילך גבול והשגה שיאמר בו עד מקום פלוני".

[לו] עי' שיחות הר"ן אות קס"ח: "וכבר נתבאר מגודל הבושה והיראה שהיתה מונחת על פניו תמיד אשר לא נראה כזאת. **והרב הקדוש מורנו הרב רבי נחום זכרונו לברכה מטשערנאביל** ראה אותו בימי נעוריו בקהילת מעדוועדיווקע, ונתבהל מעוצם היראה שהיה על פניו אז, ואמר שמה שנאמר (שמות כ יז): "**למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" זה רואין בחוש אצלו**". גם עי' חיי מוהר"ן אות רמ"ג:

אזא מין קול, אזא מין עדן, אזא מין לעכטיגקייט, אזא מין קול איז ארויסגעגאנגען פון דעם קול פונעם רבי'ן![לז]

דער רבי רעדט אין דעם ספר הא"ב[לח] (- המידות): **"הקול היוצא מבר דעת דקדושה דאס איז מסוגל צו יראה"** - דער קול וואס גייט ארויס פון א בר דעת דקדושה איז מסוגל ליראה. דאס איז דער נהר - דער קול וואס גייט ארויס פונעם עדן. פון וואנעט גייט ארויס דאס קול פון דעם אמת'ן צדיק? עס גייט ארויס פונעם

---

"וְדַרְכּוֹ הָיָה תָּמִיד שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁהָיָה מְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם שִׂיחוֹת חֻלִּין **הָיָה רַגְלוֹ וְרֹב גּוּפוֹ מְרַתְּתִין מְאֹד**. וְהָיָה רַגְלוֹ מִזְדַּעְזֵעַ מַמָּשׁ מְאֹד **וּכְשֶׁהָיָה נִסְמָךְ עַל הַשֻּׁלְחָן הָיָה הַשֻּׁלְחָן עִם כָּל שְׁאָר אֲנָשִׁים הַנִּסְמָכִים עַל הַשֻּׁלְחָן גַּם כֵּן מְרַתְּתִין מֵחֲמָתוֹ** כִּי הָיָה רַגְלוֹ וְגוּפוֹ מְרַתֵּת וּמִזְדַּעְזֵעַ תָּמִיד. **וּמִי שֶׁלֹּא זָכָה לִרְאוֹת הַיִּרְאָה שֶׁהָיְתָה מֻנַּחַת עַל פָּנָיו תָּמִיד לֹא רָאָה יִרְאָה מֵעוֹלָם! וְהָיָה עָלָיו כָּל מִינֵי חֵן שֶׁבָּעוֹלָם!** וְהָיָה מָלֵא יִרְאָה וְאַהֲבָה נִפְלָאָה שֶׁבָּעוֹלָם. וְהָיָה מָלֵא יִרְאָה וְאַהֲבָה וּקְדֻשָּׁה נִפְלָאָה וְנוֹרָאָה בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר".

[לז] עי' חיי מוהר"ן אות תרי"ד: זֶה מָצָאתִי בְּסֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן כְּתִיבַת יָד שֶׁכָּתַב שָׁם מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, **מִי יְפָאֵר גֹּדֶל פְּאֵר הַדִּבּוּר הַקָּדוֹשׁ כְּשֶׁיָּצָא מִפִּיו בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה בְּצַחוּת וּבְזַכּוּת בְּתַכְלִית הַבְּהִירוּת, שֶׁאֲפִלּוּ בְּגַשְׁמִיּוּת הָיָה מֻנָּח עַל דִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים כָּל מִינֵי חֵן שֶׁבָּעוֹלָם, אֲשֶׁר אֲפִלּוּ אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים נִבְהֲלוּ מְאֹד מִדִּבּוּרָיו, וְהָיוּ נִכְסָפִים תָּמִיד לִשְׁמֹעַ דִּבּוּרָיו מִפִּיו.** וְכָל מִי שֶׁהָיָה מְדַבֵּר עִמּוֹ הָיָה נִמְשָׁךְ וְנִכְרָךְ אַחֲרָיו בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת גָּדוֹל. **וַאֲפִלּוּ הָרְשָׁעִים שֶׁבִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ אוּמַן כֻּלָּם הָיוּ כְּרוּכִים אַחֲרָיו וְנִתְעוֹרְרוּ קְצָת עַד שֶׁהָיוּ לָהֶם כַּמָּה וְכַמָּה הִרְהוּרֵי תְשׁוּבָה, מַה שֶּׁלֹּא עָלָה עַל לִבָּם מֵעוֹלָם. כַּאֲשֶׁר סִפְּרוּ בְּפִיהֶם בְּפֵרוּשׁ**, שֶׁכְּבָר הִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָן, וְהָיוּ כְּמֻשְׁבָּעִים וְעוֹמְדִים שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה לָהֶם שׁוּם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, וְהָיוּ רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מִשּׁוּם צַד הִרְהוּר תְּשׁוּבָה כַּמְפֻרְסָם לְכָל מִי שֶׁהָיָה מַכִּיר אוֹתָם. וְעַל יְדֵי דִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים הִגִּיעַ אֲלֵיהֶם גַּם כֵּן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אַף עַל פִּי שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא דִּבֵּר עִמָּהֶם מֵעִנְיְנֵי תְּשׁוּבָה וּמֵעִנְיְנֵי קְדֻשָּׁה, כְּלָל כְּלָל לֹא, רַק אַדְּרַבָּא תָּמִיד הָיָה מְדַבֵּר עִמָּהֶם שִׂיחַת חֻלִּין וְסִפּוּרִים בְּעָלְמָא, אַף עַל פִּי כֵן נִמְשְׁכוּ אַחֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה מִדִּבּוּרִים שֶׁלּוֹ לְבַד, עַד שֶׁהָיוּ סְמוּכִים מְאֹד לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם לֹא הָיְתָה נִטְרְפָה הַשָּׁעָה שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג מְאֹד וְנִסְתַּלֵּק בְּאֶמְצַע, בְּוַדַּאי הָיוּ שָׁבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְכוּ' וְכוּ'. וְכָל מַה שֶּׁאָנוּ מְסַפְּרִים מִמֶּנּוּ הַכֹּל נֶחְשָׁב לִגְנוּת אֶצְלוֹ בְּעֵרֶךְ עֹצֶם הַפְלָגַת מַעֲלָתוֹ. כִּי אִלּוּ כָּל הַיַּמִּים דְּיוֹ וְכוּ' אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר אֶפֶס קָצֵהוּ מֵעֹצֶם מַעֲלָתוֹ וּקְדֻשָּׁתוֹ, הֵן גְּדֻלַּת חָכְמָתוֹ וְתוֹרָתוֹ הַמְפֻרְסָם, וְהֵן עֹצֶם קְדֻשָּׁתוֹ וְכוּ' סַמָּא דְמִלְּתָא מִשְׁתּוֹקָא. עַד כִּי יָבוֹא שִׁילֹה **אָז יֵדְעוּ וְיִרְאוּ עֹצֶם גְּדֻלַּת רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כִּי אָז יְסַפְּרוּ מִמֶּנּוּ הַרְבֵּה בְּעֵת שֶׁיָּבוֹא מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ שֶׁיֵּצֵא מֵחֲלָצָיו**, כַּאֲשֶׁר סִפֵּר בָּרַבִּים שֶׁפָּעַל אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהַגּוֹאֵל צֶדֶק יִהְיֶה מִיּוֹצְאֵי חֲלָצָיו. יְהִי רָצוֹן שֶׁיָּבוֹא בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן".

[לח] ערך 'יראה' - חלק שני, אות ו': **"הקול היוצא מבר דעת שבקדושה מסוגל ליראה"**.

עדן! 'גן עדן' - פון עדן גייט ארויס א קול וואס ער טרינקט אן דעם גן, און דארטן וואקסן אלע ריחות והיראות.

און פון דעם קול ווערט נכנע דער 'עקב דסטרא אחרא'. ווארום דער קול דאס איז דער "הקול קול יעקב". דאס האט דאך געזאגט טאקע יצחק אבינו "הקול קול יעקב" - דער קול איז א קול פון יעקב. יעקב איז דער היפך פון 'עקב דסטרא אחרא'. "הקול" – דער קול איז "קול יעקב", "הגדיל עלי עקב". 'עקב דסטרא אחרא' דאס איז עשו, אבער 'הקול קול יעקב' דאס איז דער קול דקדושה, דאס איז מכניע דעם 'עקב דסטרא אחרא', דאס איז דער קול פון דעם מוכיח הראוי.

❖

## דער ניגון פון משיח צדקנו

האט דער רבי געזאגט ספעציעל דער לעצטער תורה אז מיר זאלן וויסן וואס הייסט 'תוכחה'. אז איינער רעדט מיטן אנדערן, זאל נאר זיין מיט אזא מין אהבה, מען דארף תמיד פריער בעטן דעם אויבערשטן אז פון דעם קול זאל וואקסן 'יראה', דער קול זאל ארויסקומען פון דעם עֵדן, עס זאל וואקסן 'יראה'.

אט דאס האט דער אויבערשטער געזאגט ישעי' הנביא'ן: "הָרֵם כַּשּׁוֹפָר קוֹלֶךָ וְהַגֵּד לְעַמִּי פִּשְׁעָם"[לט] וכו'. טייטשט דער רבי אזוי: "דער מוכיח וואס וויל מוכיח זיין דעם אנדערן און זיי זאגן 'פשעם וחטאתם', דארף ער האבן דעם קול, 'כדי שלא יבאיש ריחם' דורך דעם וואס ער דערוועקט זייערע עוונות. 'על כן צריך לזה הקול', ווייל דורך דעם קול איז ער מוסיף און גיט אין זיי אריין א ריח טוב".

"וזהו: 'הרם כשופר קולך'. כשפ"ר", זאגט דער רבי ווייטער, "איז ר"ת: פ'שוט, כ'פול, ש'ליש, ר'בוע", דאס איז דער שם הוי"ה (באופן כזה:) י' י"ק יק"ו יקו"ק, וואס דאס באטרעפט ע"ב; דאס איז די ע"ב וואס לעתיד וועט משיח זינגען א ניגון אויף

---

[לט] ישעיה נח, א.

ע"ב נימין, אויף ע"ב סטרונעס, און מיט דעם ניגון וועט ער מקרב זיין די גאנצע וועלט צום אויבערשטן! אזא מין אהבה וועט אריינגיין אין דער וועלט אריין!

דער אויבערשטער האט געזאגט צו ישעי' הנביא: "הרם כשופר קולך והגד לעמי פשעם" - ווי א שופר, עס זאל זיין פ'שוט כ'פול ש'לוש ר'בוע, אזוי ווי עס וועט שפילן דער ניגון פון ע"ב נימין, דער שיר של חסד, אזוי זאלסטו זאגן 'לעמי פשעם'. דאס איז דער שם ע"ב, דער 'חוט של חסד'. "און מיט דעם קול דייקא קען מען מוכיח זיין - "כשופר דייקא", כמו שאמרו רבותינו ז"ל: 'המוכיח את חבירו לשם שמים מושכין עליו חוט של חסד'" – זאגט דער רבי אזוי: 'המוכיח את חבירו לשם שמים' – אז ער מיינט לשם שמים, די כוונה זיינע איז נאר לשם שמים אז עס זאל ווערן נתגדל שם ה', עס זאל ווערן דורך דעם א ריח טוב - 'מושכין עליו חוט של חסד', דאס איז די ע"ב נימין, דער "חוט של חסד שנקלע ונשזר ונעשה חוט מהנימין". מען קען דאס פארשטיין?! – "און אויף די סטרונעס וועט שפילן דער ניגון והשיר הזה של לעתיד שהם ע"ב נימין".

עס ווערט געבראכט[מ] אז דאס איז אזא מין שיר דער שיר של חסד, אזא מין אהבה אין דער וועלט, אזא מין התגלות אלוקות, אז די גאנצע וועלט וועט וויסן אז דער אויבערשטער האט זיי ליב, אז דער אויבערשטער וויל זיי, אז דער אויבערשטער קוקט ארויס אויף זיי! דאס איז דער עיקר התגלות, אזא ניגון וועט שפילן משיח צדקינו, מיט דעם וועט ער מקרב זיין די וועלט צום אויבערשטן!

זאגט דער רבי אז מיר דארפן אויך אזוי טוהן, אז מען וויל יענעם זאגן א זאך, זאל עס זיין מיט אזא מין אהבה מיט אזא מין ניגון, גאלע (- כולו) אלוקות - פשוט, כפול, שלוש, רבוע, מיט א קרבת אלקים, "שעליהם יתנגן השיר הזה אז עס וועט זיין דער חידוש העולם, 'עולם חסד יבנה'"!

❖

---

[מ] עי' חיי מוהר"ן אות ש"מ.

## דערקוויקן דעם קראנקן מיט מילך

דער רבי זאגט דארט אין 'כי מרחמם ינהגם'[מא]: "ווער עס איז א רחמן, דער קען זיין א מנהיג". דאס מנהיגות דארף נאר זיין מחמת רחמנות".

דער רבי ברענגט דארטן אין דער ערשטער מעשה[מב]: "אז דער שני למלך האט געזעהן אז דער מלך איז זיך מצער אז די טאכטער איז נישטא, האט ער זיך מוסר נפש געווען און איז געגאנגען איר זוכן". טייטשן אונזערע מענטשן: אז דער אמת'ער צדיק [- שנ"י מאכט: ש'רשי נ'שמות י'שראל] - אז ער זעהט דעם צער וואס דער אויבערשטער האט פון דעם וואס אידן זענען אזוי ווייט, איז ער זיך מוסר נפש און ער טוהט אלע מיני זאכן – און ער גייט זי זוכן! אט דאס הייסט "כי מרחמם ינהגם" - דער מנהיג דארף זיין א רחמן; דער וואס איז א רחמן דער קען זיין א מנהיג!

זאגט דער רבי: "וצריך לידע איך להתנהג עם הרחמנות". א קינד פון פיר טעג דארף מען אים געבן חָלב דייקא, א מאכל וואס איז שייך פאר אזא קינד; און פאר א גדול דארף מען געבן א 'מאכל הצריך לגדול'. דער רבי טייטשט עס ווייטער אריין אין סעיף ז'[מג], וואס מיינט מען 'קטן' 'וגדול'? ברענגט דער רבי דארט, "כי כל בשמים ובארץ" מאכט דער תרגום: "דאחיד בשמיא וארעא" – דער צדיק האלט אָן 'בשמיא' – אין די הויכע מענטשן, און ער האלט אָן 'בארעא' - אין די נידריגע מענטשן. א קינד דארף מען געבן חלב דווקא, א קינד קוויקט מען, א קליין מענטשעלע וואס ער איז פול מיט פגמים דארף מען אים קוויקן מיט מילך. ווייטער א גדול דארף מען מאכן א 'מאכל הצריך לגדול'. דער רחמן ער קען זיין א מנהיג, ער קען יעדעם איינעם געבן וואס צו אים איז שייך.

---

[מא] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז'.

[מב] מספה"ק סיפורי מעשיות – מעשה מאבידת בת מלך.

[מג] עי' בפרפראות לחכמה על תורה זו, אות ט'.

## 'קברו' של משה - דייקא

**וואס עס איז געווען בחייו איז איצטער אויך! דער רבי זאגט דארט ביים סוף תורה** (ז' תניינא הנ"ל)**, אז 'קברו של משה' איז, פאר די 'עליונים' דאכט זיך אז דער קבר איז אונטן, און פאר די 'תחתונים' דאכט זיך אז דער קבר איז אויבן**[מד]**. טייטש דער רבי: "עליונים" - די וואס זענען עליונים ווייזט זיי דער צדיק אז זיי זענען גאר אונטן - און מיט דעם איז ער 'זיי' מקרב. און "תחתונים" - פאר די תחתונים ווייזט ער אז זיי זענען 'למעלה' - זיי זענען גאר אויבן, וואס מיט דעם איז ער 'זיי' מקרב!**[מה]

**קברו של משה! עס איז שוין לאחר הסתלקותו, אבער דער קברו של משה האט אויך דעם אייגענעם כח! אזוי ווי ער האט געהאט דעם כח בחייו ער זאל ווייזן די גרויסע אז זיי ווייסן נאך גארנישט, און פאר די קליינע זאל ער ווייזן אז דער אויבערשטער איז מיט זיי, ביי זיי, לעבן זיי, דאס אייגענע איז 'קברו של משה', דאס האט אויך דעם אייגענעם כח!**[מו]**.**

---

[מד] כמובא בגמ' סוטה דף י"ד ע"א: "'ויקבר אותו בגיא בארץ מואב מול בית פעור'. א"ר ברכיה סימן בתוך סימן ואפילו הכי ולא ידע איש את קבורתו. וכבר שלחה מלכות הרשעה אצל גסטרא של בית פעור הראנו היכן משה קבור. **עמדו למעלה נדמה להם למטה, למטה נדמה להם למעלה.** נחלקו לשתי כיתות אותן שעומדים למעלה נדמה להן למטה, למטה נדמה להן למעלה, לקיים מה שנאמר 'ולא ידע איש את קבורתו'. ר' חמא בר' חנינא אמר אף משה רבינו אינו יודע היכן קבור. כתיב הכא 'ולא ידע איש את קבורתו' וכתיב התם 'וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים'.

[מה] וזל"ש בסופו: "וְזֶה בְּחִינַת קְבוּרַת משֶׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּקִּיפִים, שֶׁהֵם טְמוּנִים מֵעֵין כֹּל. וְזֶה: 'עֶלְיוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַעְלָה', הַנֶּאֱמָר בִּקְבוּרַת משֶׁה. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה י"ד), זֶה בְּחִינַת כֹּל הַנַּ"ל, בְּחִינַת: "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", שֶׁצָּרִיךְ הַצַּדִּיק שֶׁזּוֹכֶה לְאֵלּוּ הַמַּקִּיפִים הַנַּ"ל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּחִינַת כֹּל כַּנַּ"ל, לְהַרְאוֹת לָעֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם לְמַטָּה, שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּחִינַת: מֶה חָמִית וְכוּ' **וּלְהֶפֶךְ, תַּחְתּוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַעְלָה, כִּי הֵם מַשִּׂיגִים, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', בְּחִינַת: "וָאֶרְאֶה אֶת ה'"**.

[מו] עי' בפרפראות לחכמה על תורה זו, אות כ"ו, מש"ש: "**ורימז כאן שעיקר הארת דעתו הקדושה לאחר פטירתו הוא על ידי קדושת קברו הקדוש** שציוה בחיים חיותו לבוא לשם ולהתפלל שם הרבה להשם יתברך ולומר תהלים וכו', ומי שיקיים דבריו הבטיח לו שבוודאי ישתדל לטובתו בכל טצדקי

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, מיר גלויבן אז דער כח פונעם רבי'ן איז א גרויסער כח, זאל מען זיך דערהאלטן אין זיינע הייליגע ספרים און ביי די הייליגע עצות פונעם רבי'ן וועט מען זוכה זיין איצטער אויך צו זיין אַן אדם השלם. דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאל זוכה זיין צו ביאת הגואל במהרה בימינו אמן!

דאפשר וכמבואר כבר כמה פעמים ורימז לנו כאן שממש כמו בחיים חיותו היה מאיר דעתו הקדושה לכל אחד ממקורביו כפי בחינתו, למי שהוא מבחינת הדרי מעלה היה מאיר בו ההשגה של מה בחינת איה מקום כבודו ולמי שהוא מבחינת הדרי מטה היה מאיר בו בחינת ההשגה של מלא כל הארץ כבודו וכו' **כמו כן ממש גם עכשיו יש כח זה בבחינת קבורתו של משה שמקבל משם כל אחד תועלת לנפשו כפי בחינתו בחינת עליונים נדמה להם למטה ותחתונים נדמה להם למעלה** כמבואר בפנים, והעיקר על ידי שיקיימו כאשר פקד עליהם שיחזיקו את עצמם כולם באהבה ואחדות גדול כמבואר כבר במקום אחר (חיי מוהר"ן שם ל"ד). גם עי' קונטרס "סיפורים מר' שמואל הורוויץ", אות י"א: "**הרה"ג ר' גרשון העניך מראדזאמין** בעל התכלת היה באומן על ציון רבינו הק' ז"ל והיה אומר שמתורץ לו מדוע אין נוסעים ואין מתקבצין הצדיקים לרבינו ז"ל כי (ציון) עניין רבינו ז"ל כמו שכתוב אצל קברו של משה עליונים נדמה למטה ותחתונים למעלה שרבינו ז"ל מראה להגדולים שאי' מקום כבודו שהם עדיין למטה ועדיין לא השיגו כלום ומשפילם וע"כ לא נוסעים ומתקרבים כי מי רוצה שישפילו אותו. ולקטנים מראה שמלא כה"כ שעדיין יש להם תקוה ומגביה אותם וע"כ נוסעים ומתקרבים"...

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוהר"ר **ישראל**
**בריינעס** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו **יצחק מרדכי**
למזל טוב

הרה"ח ר' **אלי'**
**פדווא** שליט"א
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **שמעון הלל**
**פרנס** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

המחותנים
מוהר"ר **אברהם משה שווארץ** הי"ו – מאנסי
לרגל אירוסי בנו החה"ח **מנחם יואל**
ומוהר"ר **יוסף יעקב שפיצער** הי"ו – מאנסי
לרגל אירוסי בתו, למזל טוב

המחותנים
הרה"ח **משה עסטרייכער** הי"ו – בארא פארק
לרגל אירוסי בנו החה"ח **שמואל**
ומוהר"ר **ראובן ווייס** הי"ו – מאנסי
לרגל אירוסי בתו, למזל טוב

מוהר"ר **שמשון צבי**
**פויגעל** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל תגלחת בנו **נחמן**
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **רוחמה**
**שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **פיגא**
**רבקה** ב"ר **חיים צבי**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

**בקשו רחמים**
לרפואת האברך מיקירי אנ"ש ר'
**אלטר נפתלי בן ציון** בן
**מינדל**
לרפו"ש בקרוב בתושח"י